NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13340

MAYSELEKH IN FERZN

Itzik Fefer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

MICROFORM

מייסעלעך

ווייסרוסלענדישער 1929
מעלוכע פארלאג

איציק פעפער

מאַיסעלעך אין פערזן

ווײַסרוסלענדישער מעלוכע-פארלאג
מינסק — 1929

מינסק, דרוקעריי פון ווייס-
רוסלענדישן מעלוכע-פארלאג.
באשטעל. 613, טיראזש 3000.
גלאוויטבער 75.

1

אין אַ הויף אינמיטן דרויסן,
אינם יאָר ניין הונדערט ניינצן,
אין אַ קינדערהיים אַ גרויסן
צווישן קינדער, קליינע קינדער,
האָט געוואוינט אַ יאַט אַ בלינדער.
ווען איז ער אַהער געקומען,
ווו האָט מען דעם יאַט גענומען—
ווייסט ניט קיינער.
קיינער פֿרעגט ניט,
ווו זײַן טאַטע איז פֿאַרבליבן.
אַלע ווייסן, אַז ער ווייסט ניט,—

ער איז אַלט ערשט
אַ יאָר זיבן.
וואָכן גייען,
און מע ווייס ניט—
צי ער האָט אַמאָל געזען
אָט דאָס שטעטל, אָט דאָס קליינע,
מיט די קרומע שטילע געסלעך,
מיט די שטיבעלעך די דאַרע,
מיט די בוימעלעך די שיינע;
צי ער האָט אַמאָל געזען
אָט די ריטשקעלעך, די שמאָלע,
וועלכע לויפֿן נאָך אַ רעגן
לעם די גאַנקעס, לעם די שטיבלעך
אויפֿן שטעטלס שטילע וועגן.

2

אַלע לערנען, אַלע לייענען
נײַע ביכלעך און פֿאַרשטייען:
ס'איז די וועלט ניט אַזאַ קליינע,
ווי די קינדער פֿלעגן מיינען.
דאָרטן, דאָרטן נאָך אונדזער שטעטל
זײַנען שטיבלעך נאָך פֿאַראַנען,
שטעטלעך, שטעט און דערפֿער גרויסע
און אַפֿילע בערג אַזוינע,
וואָס דערלאַנגען ביזן הימל.
אַלע לערנען. אַלע לייענען
נײַע ביכלעך און פֿאַרשטייען.
נאָר דער יאָט, וואָס קען ער זען,
ווען פֿאַרקלעפּט זײַנען די אויגן,
מיט אַ הײַטעלע פֿאַרצויגן.

ליגן יאַטלעך און זיי הערן,
ווי באַנאַכט פֿון בלינדע אויגן,
טעמפּע אויגן,
פֿאַלן טרערן.
— וואָס וועט זיין מיט בלינדן הילקע? —
פּלעגן יאַטלעך אָפּט דאָ ריידן.
ס'האָט אַ לערערקע דערציילט זיי,
אַז אין ווייטע, אַלטע וועלדער
וואָגט אַ באָבע מיט אַ זיידן,
כאַפּן זיי אַזוינע בלינדע,
מע פֿאַרשלעפּט זיי אין די וועלדער
און מע גיט זיי הויכע הילטען
און מע הייסט זיי גיין און בעטלען.
וואָס וועט זיין מיט בלינדן הילקע?
אַ ראַכמאָנעס, אַ ראַכמאָנעס,
קיינער וועט עס ניט דערלאָזן,
אונדזער הילקע וועט ניט בעטלען!
ס'איז ניט שיין גאָר,
ס'איז ניט שיין גאָר
אַף די מאַרקן צווישן פֿורן
בעטלען מיט די דאַרע הענטלעך,
פינטלען מיטן בלינדן אויגל:
„שענקט אַ קאָפּקע. גיט אַ בייגל!"
מירן וואַקסן, מירן העלפֿן.
קיינער וועט עס ניט דערלאָזן!
— וואָס וועט זיין מיט בלינדן הילקע? —
פּלעגן יאַטלעך אָפּט דאָ טראַכטן.
פּלוצלונג האָט אַ יאַט דערמאָנט זיך,
אַז אַמאָל לעם הייסער הרובע
איז זיין באָבעצי געזעסן
און דערציילט אַזאַ מין מאַיסע,

אַז ער קאָן זיִ ניִט פֿאַרגעסן.
זיִצן קיִנדער און זיי הערן,
וויִ דאָס יאַטעלע דערציילט זיי,
אַז—אַ דאָרטן לעם די וועלדער
שטייען קויטיִקע פּאַלאַטקעס,
און די קויטיִקע פּאַלאַטקעס—
זיינען שטיִבער בּאַ ציִגײַנער.
איִן די קויטיִקע פּאַלאַטקעס
זיִצן אַלע איִן איין קופּע.
איִן איין קופּע זיִצט מען דאָרטן,
גאַנצע זומערס זיִנגט מען ליִדער
און מע טרעפט דאָרט אַף די קאָרטן.
ווען די שוואַרציִנקע ציִגײַנערס
קומען איִן די קליינע שטעטלעך,
זוכן זיי אַזוינע קיִנדער,
וועלכע האָבן ניִט קיין אויגן
און בּאַ וועלכע אַף די אויגן
טיִזיִך אַ הײַטעלע פֿאַרצויגן.
ווען דאָס יאַטל האָט געענדיִקט
האָט אַ צווייטער אויסגעשריִגן:
— ס'איִז די מאַיסע גאָר אַ שיינע,
נאָר די מאַיסע איִז אַ ליִגן.

3

איִנם קיִנדער־הויז דעם גרויסן,
איִנם הויף איִנמיִטן דרויסן
שפּיִלן זיִך די קליינע קיִנדער.
יעדער האָט פֿון האָלץ אַ לאָשעק
מיִט אַ קאָפּ און אויגן שטיִלע,
מיִט אַ זאָטל, מיִט אַ בּײַטשל

און אַ ביקסעלע אַפּילע.
רײַטן יאַטלעך אַף די פֿערדלעך
און מע שפּילט זיך אין סאָלדאַטן
—עי אַהערצו, עי אַהינצו,
אַלע זײַנען קאָמאַנדירן,
און מע ווייסט ניט וווּ צו פֿירן.
נעכטן איז געווען דאָ פֿריילעך,
ס'איז געווען דאָ זייער פֿריילעך,
בערטשיק איז געווען אַ מײלעך
און דאָס פֿאָלק זײַנען די קינדער,
איז ער, בערטשיק, אַ צעקאַסטער
אַף אַ הויכן טיש געזעסן,
און כײַ־בײלקע די קוּרנאָסע
איז געוועזן זײַן פּרינצעסן.
זי אַליין, די קייסערינע,
איז געשטאַנען און געשמייכלט,
מיט די אויגעלעך געוווּנקען,
און דער קייסער איז געזעסן,
ווײַן פֿון ראָזשינקעס געטרונקען
און וואַרעניקעס געגעסן.
אַף זײַן קאָפּ—אַ קרוין אַ גרויסע,
אין דער רעכטער האַנט—אַ שטעקן,
אין דער לינקער האַנט—אַ קויסע.
די וואַרעניקעס געגעסן
און אָן פֿאָלק האָט ער פֿאַרגעסן,
נאָר די יאַטלעך די סאָלדאַטלעך,
די פֿאַרשײַטע פּיאָנערן
אַף די לאָשעקעס די לאַנגע,
ווער וועט שטערן, ווער וועט שטערן,
האָבן גיך דעם טיש באַרינגלט,
מ'האָט געקלאַפּט אין פּוסטע פֿעסער,

און די ראָד ווערט גרויס און גרעסער,
און די יאַטלעך שרייען הייסער
נידער, נידער מײַן קייסער!
זיצט דער קייסער אַזאַ בלאַסער,
און לעם אים די קייסערינע
ליגט און כאַלעשט. טרײַע דינער
גיבן איר אַ זופּ טאָן וואַסער.
וועלכע דינער? אַלע זײַנען זיך צעלאָפֿן,
און דעם דינער דעם געטרײַסטן
האָט אַ פֿרישע קויל געטראָפֿן.
פֿליִען פֿערדלעך, פֿליִען יאַטלעך,
טראַסקען פּעסער,
קוילן קנאַלן,
בערסשיק ליגט געשמידט אין קייטן,
און...
דער קייסער איז געפֿאַלן.

— — — — — — — — —

שיינע שפּילן פֿלעגט מען שפּילן
אינם קינדערהיים דעם גרויסן,
נאָר דער בלינדער איז געזעסן,
האָט דער בלינדער ניט פֿאַרשטאַנען,
וואָס פֿאַר אַ שפּילן שפּילן קינדער,
ס׳האָבן אויגלעך ניט געזען,
ווײַל ער איז געווען אַ בלינדער.

4

גייען זיך אַזוי די יאָרן,
ווי די ריטשקעס נאָך אַ רעגן,
איז אַ יאָר און צוויי אַנטלאָפֿן,

קײנער זעט ניט ווען די יאָרן
לויפֿן בלוי אַף הויכע וועגן.
נעמען זיך צונויף די יאַטן,
און מע וויל די זאַך באַקלערן,
וואָס וועט זײַן און וואָס וועט ווערן
מיטן יאַטל מיטן בלינדן?
אַלע שרײַבן, אַלע לײענען,
נאָר ער הערט ניט אויף צו וויינען.
זיצן יאַטן און זיי קלערן,
פּלוצלונג רופֿט זיך אָן אַ יאַטל:
„ס'איז די זאַך נאָך ניט פֿאַרפֿאַלן,
כ'האָב געלײענט אין זשורנאַלן,
אַז אין קיעוו, צי אין כאַרקאָוו,
צי אין פּעטערבורג אין ווײַטן
איז אַ שטוב אַזאַ פֿאַראַנען,
וווּ סע וואָינען בלינדע יאַטן
און מע לערנט זיי דאָרט לײענען
אין אַזוינע בלינדע ביכער
מיט אַזעלכע מאָדנע ווערטער,
אַז אַפֿילע שטומע ריידן,
שטומע ריידן מיט די פֿינגער.
לאָמיר שיקן אונדזער הילקען,
עפּשער וועט אים ווערן גרינגער".
די פֿאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן,
די פֿאַרזאַמלונג איז געשלאָסן.
יאַטלעך פֿיר האָט מען געקליבן,
זאָלן זיי אַוועק אַהינצו
אין אַנשטאַלט פֿון זייער שטעטל,
זאָל מען זאָגן, זאָל מען בעטן,
אַז מע זאָל זיך גיך דערוויסן
וווּ סע שטייט די שטוב פֿאַר בלינדע

און אַהינצו הילקען שיקן,
נאָר אַביסל געלט אים געבן.
אָט אַזוי אין דינעם העפטל
האָט אַ יאָט אַליין פֿאַרשריבן.
וואָילע יאַטן, גוטע יאַטן,
מ׳איז געגאַנגען אין אַנשטאַלטן,
מ׳האָט געקריגן אַכט מאַנדאַטן,
אַכט מאַנדאַטן, אַכט פּאַפּירן
און אוועקגעשיקט דעם בלינדן
אין דער שטאָט, דער ווײַטער, קיעוו.

גייען זיך אַזוי די יאָרן,
ווי די ריטשקעס נאָך אַ רעגן.
איז אַ יאָר און צוויי אַנטלאָפֿן,
קיינער זעט ניט ווי די יאָרן
לויפֿן בלוי אַף הויכע וועגן.
ס׳איז דער קינדערהיים געוואַקסן
און די קינדער זײַנען אויכעט
ברייטער, העכער שוין געוואָרן.
רייַנער, שענער ווערט דאָס שטעטל,
נײַע הײַזלעך קומען צו דאָ,
מ׳האָט פֿון קלויז אַ קלוב געשאַפֿן,
אַלע זײַנען שטאַרק צופֿרידן.
נאָר דער ראָוו איז שטאַרק בערויגעז
מיטן שאַמעס, מיטן דאַיען,
און אַ בינטל אַלטע ייִדן,
וועלכע האַנדלען אין די קלייטן.
נאָר ווער דאַרף די אַלטע ייִדן,
ווען מע בויט שוין אַ טעאַטער,
אַ זאַוואָד האָט מען געעפֿנט

ווו דער העקדעש איז געשטאַנען,
די מיליציע רעדט אָף יידיש
און אַ באָד איז שוין פֿאַראַנען.

גייען זיך אַווי די יאָרן,
קינדער לערנען אַ מעלאָכע:
דער אַ שוסטער, דער אַ שנײַדער,
דער אַ בלעכער, דער אַ בעקער,
מיהאָט שוין שיר גאָר ניט פֿאַרגעסן,
אַז געלעבט האָט אמאָל הילקע,
אָט דאָס קליינע בלינדע יאַטל
אין דעם קינדערהיים דעם גרויסן.

פלוצלונג אין אַ טאָג אַ שיינעם,
נאָכן אורלויב, נאָכן אָפּרו,
קומט די לערערקע צופֿאָרן
פֿון דער שטאָט דער שיינער, קיעוו,
קומט און ברענגט אַ פּאַק מיט ביכער:
זיבן נײַע כרעסטאָמאַטיעס,
געאָגראַפֿיעס, לידער נײַע,
און אַ ליכטיקע יעדיע —
אַ גריס פֿון בלינדן הילקע.
מיהאָט די לערערקע באַרינגלט
און מע הערט אַ מאָדנע מאַיסע:
ס'איז די לערערקע געגאַנגען
אַפֿן ראַשיקן קרעשטשאַטיק,
פלוצלונג זעט זי אַן אַפֿישע
הענגט אַ גרויסע אַף די סטויפּעס:
„אַ קאָנצערט ווערט זײַן אַזעלכער,
וואָס איז לאַנג שוין ניט געווען,

שפּילן וועט אַ יאַט אַ בלינדער
מיטן נאָמען הילקע ליפּשיץ".
זאָגט די לערערקע מיט גאַדלעס:
„בין איך גלייך צו אים געגאַנגען
„און דערמאָנט אים אָן די קינדער,
„און אַ גרוס פון אייך געבראַכט אים.
„ער איז איצטער אויך אַ בלינדער,
„נאָר מע קאָן אים ניט דערקענען.
„ער האָט שטיל מיין האַנט גענומען
„און געבעטן איך זאָל קומען.
„וואָס האָט זיך געטאָן אין קיעוו
„וועט אַ שרייבער שוין באַשרייבן".
נאָר די קינדער ווילן וויסן:
„וואָס האָט איר אים ניט געבראַכט אונדז,
„וואָס האָט איר אים ניט גענומען?"
און די לערערקע באַרויקט:
„ער וועט קומען, ער וועט קומען".
מ'האָט אַ בריוו געשיקט צו הילקען
און אַן ענטפער גיך באַקומען—
ער וועט קומען, ער וועט קומען!
הילקען פלעגט מען אָפט דערמאָנען.
אָפטע בריוולעך פלעגט ער שיקן,
אָפטע בריוולעך, וואָילע גריסן;
הילקען פלעגט מען אָפט דערמאָנען—
עך, דאָס קליינע בלינדע יאַטל
שפּילט אין שטעט אַף די קאָנצערטן,
און מע זאָגט ער וועט נאָך ווערן
גאָר אַ גרויסער, גרויסער פידלער,
און וועט נאָך אין מאָסקווע שפּילן.
הילקען פלעגט מען אָפט דערמאָנען
אין אַן אָוונט אין אַ שטילן.

גייען זיִך אַזוי דיִ יאָרן,
וויִ דיִ ריִטשקעס נאָך אַ רעגן,
איִז אַ יאָר און צוויי אַנטלאָפֿן,
קיינער זעט ניִט וויִ דיִ יאָרן
לויפֿן בלוי אף הויִכע וועגן.

איבער פֿעלדער, איבער וועלדער,
איבער שטעט און איבער הויפֿן
הערט דער ווינט ניט אויף צו לויפֿן,
הערט דער ווינט ניט אויף צו ווייען —
און קיינער האָט אים ניט געזעען...

גייט אין פֿעלד פֿון דאָרף א שיקסל,
לויפֿט אַנטקעגן איר א פּיקסל.
„שיקסל, שיקסל, טײַער שיקסל" —
רופֿט זיך אָן דאָס געלע פּיקסל —
„זאָג מיר, האָסטו ניט געזען,
ווו די שלעכטע ווינטן ווייען,
ווו די שלעכטע ווינטן יאָגן,
עפּשער קאָנסטו, שיקסל, זאָגן?
כ'האָב געהאַט אין וואַלד א שטיבל,
ניט קיין שטיבל, נאָר א גריבל —
איז א ווינט אַראָפּגעקומען
און דאָס שטיבל מיר צענומען,
זײַנען פּיקסעלעך די זיבן
אַן א שטיבעלע געבליבן.

עפּשער קאָנסטו, שיקסל, זאָגן
ווו די שלעכטע ווינטן יאָגן?"

זאָגט אַזוי דאָס שוואַרצע שיקסל:
„טײַער, טײַער. טײַער פּיקסל,
איבער פֿעלדער. איבער וועלדער,
איבער שטעט און איבער הויפֿן
הערט דער ווינט נית אויף צו לויפֿן,
הערט דער ווינט נית אויף צו ווייען,
קיינער האָט אים נית געזעען..."

פֿליט און פֿליט און פֿליט דער ווינט,
לויפֿט אים נאָך אַ ראַבער הונט,
קומט דאָס פּיקסל אים אַנטקעגן
און הייבט אָן דעם הונט צו פֿרעגן:
„זאָג מיר הינטל, ראַבער הונט,
עפּשער ווייסטו ווו איז דער ווינט,
עפּשער האָסטו ווו געזען,
ווו די שלעכטע ווינטן ווייען?"
„כ'לויף אַליין און זוך דעם ווינט" —
טוט אַ בייל דער ראַבער הונט —
„כ'האָב געהאַט אין הויף אַ שטיבל,
נית קיין שטיבל, נאָר אַ גריבל —
איז אַ ווינט אַראָפּגעקומען
און דאָס שטיבל מיר צענומען,
זײַנען הינטעלעך די זיבן
אָן אַ שטיבעלע געבליבן".

לויפֿט דאָס פּיקסל מיטן הונט,
לויפֿן ביידע נאָכן ווינט.
פֿליט דער ווינט מיט שטויב און שטרוי,
יאָגט אים נאָך אַן אַלטער גוי,

זאָגט דער הונט צום אַלטן גוי:
„הוּ דוּ, גוי דוּ, אַלטער גוי,
זאָג אונדז, האָסטו ניט געזעען,
ווּ די שלעכטע ווינטן ווייען?“
רופט זיך אָן דער אַלטער גוי
צוּ דעם הינטל אַט אַזוי:
„הוי דוּ, הונט דוּ, ראַבער הונט,
איך לויף אויך און זוך דעם ווינט,
כ׳האָב געהאַט אין דאָרף אַ שטיבל,
ניט קיין שטיבל, נאָר אַ גריבל—
איז אַ ווינט אַראָפּגעקומען
און דאָס שטיבל מיר צענומען,
און אַראָפּגעשלעפּט דעם דאַך
און צעווייט אים אַפן שליאַך.
זײַנען אייניקלעך די זיבן
אָן אַ שטיבעלע געבליבן,
ווײ איז מיר און הוּ, הוּ, הוּ,
וואָס קאָן טאָן אַן אַלטער גוי?
גײ איך אום און זוך דעם ווינט“.
רופט זיך אָן דער ראַבער הונט:
„אַז מיר וועלן אינדריַיען גייען,
וועלן מיר דעם ווינט דערזעען.
אַז מיר וועלן אינדריַיען יאָגן,
וועלן מיר דעם ווינט דעריאָגן“.
לויפן אַלע נאָכן ווינט
און פונפאָרנט לויפט דער הונט.

לויפן, לויפן אַלע גיך,
ווי אַ פייגל, ווי אַ ריך,
און דער ווינט אַליין פון זיך,
טוט אַ דריי זיך, טוט אַ בלאָז,

טוט א יאָג אין פעלד דאָס גראָז.
טוט אַ יאָג דאָס גראָז אין פעלד,
טוט אַ יאָג די גאַנצע וועלט.
און אַ פלי מיט שטרוי און שטויב
טוט דעם אַלטן גוי אַ הייב,
כאַפּט אים אָן און טוט אַ וואָרף
און פאַרוואַרפט אים גלייך אין דאָרף.

נאָך אַ דריי און נאָך אַ לויף
טוט א פלי דער הונט אין הויף,
אין אַ רעגע, שוין און באַלד
טוט אַ שמייס דעם פוקס אין וואַלד.

זיינען אַלע אינדערהיים,
קליבן ציגל, האָלץ און ליים,—
זאָל זיך ווינטעווען אַף שליאַכן,
מירן נייַע שטיבלעך מאַכן.

איבער פעלדער און איבער וועלדער,
איבער שטעט און איבער הויפן
הערט דער ווינט ניט אויף צו לויפן,
הערט דער ווינט ניט אויף צו ווייען
און ס'האָט אים קיינער ניט געזעען..

אונטער בערג און אונטער וועגן,
לעם דער שטאָט טיפליס,
זײַנען ווינטן דריי געלעגן
און געפירט אַ שמועס.

זאָגט דער ערשטער ווינט אַזוי:

„איך בין יונג און גרינג און בלוי,
„הונדערט יאָר בין איך געפלויגן
„איבער שטעט און איבער מערק...
„אַך,—וואָס זעען מײַנע אויגן
„אין די בליענדיקע בערג!
„וויפל זון און וויפל טאָלן,
„וויפל שמייכלענדיקע ברייט,
„וויפל סאַקליעס און אַולן
„האָבן מענטשן דאָ צעזייט!

„פֿון די ערדישע פֿאַבריקן
„אָן אַ ראַש און אָן אַ רויך
„וואַקסן פֿעלזן ווי די בריקן,
„וואַקסן ביימער אינדערהויך.
„טויזנט יאָר וועל איך נאָך ווייען
„איבער שטעט און איבער מערק,
„כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעען
„אין די שטעט אַזוינע בערג!״

זאָגט דער צווייטער ווינט אַזוי:

„איך בין אַלט און קאַלט און גרוי,
„אומעטום, וווּ כ׳בין געפֿלויגן,
„וווּ אַ פֿעלד און וווּ אַ ברייט—
„שטייען מענטשן שטיל געבויגן
„און מע אַקערט און מע זייט.
„איבער אָפּגעברענטע פּאַסן,
„ווי אַ דאַך און ווי אַ פּלויט
„איבער שליאַכן, איבער גאַסן
„שטייען מענטשן און מע בויט.
„כ׳בין געשלאָפֿן אַף די פּלויטן,
„וווּ געגאַנגען איז אַ שלאַכט,
„דאָרט, וווּ מענטשן פֿלעגן טויטן,
„אַף די פֿעלדער בויען ברויטן,
„מילן מאָלן טאָג און נאַכט.
„וואַקסן פֿריילעכע מעסלעסן
„אַף די פֿעלדער פֿון ראַסיי,
„אַלע קינדער האָבן עסן,
„אַלע קינדער טרינקען טיי.
„סאַי פֿונויבן, סאַי פֿונונטן,
„אומעטום, וווּ כ׳בין געווען,
„יאָגן אום דיזעלבע ווינטן,

שײַנט דיזעלבע אַלטע זון.
„פֿון דער זון, וואָס שווימט אָן רעדער
„אפֿן שליאַך און אַפֿן באַרג,
„בליען בלומען אין די סעדער,
„פריען מיסטן אַפֿן מאַרק.
„אומעטום, וווּ כ׳בין געפֿלויגן,
„וווּ אַ שליאַך און וווּ אַ ברײט,
„שטייען מענטשן שטיל געבויגן
„און מע אַקערט און מע זייט״.
„שטילער, שטילער״,—זאָגט דער דריטער,—
„ס׳איז מײַן לעבן שווער און ביטער,
„ווײַל מײַן לעבן טריפֿט אין מי,
„גאַנצע טעג נאָר פֿלי און פֿלי...
„אַך, ווי גוט איז דאָ און גרין
„כ׳בין געווען שוין אין בערלין,
„אין פּאַריז בין איך געפֿלויגן—
„אומעטום, וווּ כ׳בין געווען.
„האָבן קײנמאָל מײַנע אויגן
„ניט געזען אַזאַ מין זון:
„דאָרט אַף אויסלענדישע ראָגן
„גייען וואָכן שווער און וויסט,
„אַף די גאַסן מענטשן יאָגן,
„מענטשן פֿליען און מע שיסט.
„דאָרט אין שײַן, אין יאָג, אין שטויבן,
„אַף די העכסטע האַרטע טרעפּ
„גייען מענטשן, ווי די טויבן,
„און מע בויגט די שטאָלצע קעפּ.
„פּלוצלונג זע איך שטייט אַ טויער—
„זעץ איך זיך אַוועק און שווײַג
„און דערזע אַ הויכן מויער
„ווי אַ גרויסע, גרויסע שטײַג.

„און אַ מענטש זיצט דאָרט אין קרעכצן.
„הענגען קייטן אַף די פֿיס.
„ווינטל, ווינטל, קום אַהערצו,
„טראָג אַהיים פֿון מיר אַ גרוס.
„כ'האָב דעם מענטש אַמאָל געזעען.
„כאַפּט אַ ציטער אָן מײַן צווײַג
„כ'פֿלעג אים זעען קאָרן זייען,
„איצטער וואָינט ער אין אַ שטײַג!"
אונטער בערג און אונטער וועגן,
לעם דער שטאָט טיפֿליס,
זײַנען ווינטן דרײַ געלעגן
און געפֿירט אַ שמועס.
פּלוצלונג טוט אַ יאָג מיט טומל,
כאַפּט די בערג אַ שרעק,
ווערט אַ קויטיקער דער הימל
אַפֿן בארג קאַזבעק.
פּלוצלונג יאָגט אַ ראַש פֿונינען,
פֿון דער שטאָט טיפֿליס,
שטעלן זיך אַוועק די ווינטן
אַף די לאַנגע פֿיס.
הערן זיי באַנאַכט אינדרײַען
לויפֿט אַ זשום אין טאָל—
גלײַך ווי הונדערטער טראַמוואַיען
זשומען מיט אַמאָל.
וואָס האָט עס געקענט געשעען
אין אַ פּראָסטער נאַכט,
אַפֿן וועג דרײַ ווינטן שטייען,
שטייט מען און מע טראַכט?
פּלוצלונג הערט מען אַ געלעכטער,
גיסט די נאַכט מיט טינט,
קומט פֿונווײַטן אָן אַ פֿערטער—

אַ באַקאַנטער ווינט.
שפּרינגט אַראָפּ פֿון וואַסער,
פּונקט ווי פֿון אַ פֿערד,
זאָגט אַ וואָרט מיט ליפּן דאַרע,
ווילט איר הערן—הערט:
„ס׳אַ ביזאָיען פֿאַר די ווינטן,
„הײַנט פֿאַרלירן צײַט,
„זעט דאָרט, זעט נאָר, דאָרט פֿונקטן,
„אין דער שוואַרצער ווײַט,
„וואַרטן דאָרשטיקע אַולן,
„וויינען קינדער שטיל,
„ליגן ברויטן—דאַרף מען מאָלן,
„דרייט זיך ניט די מיל.
„דאַרף מען זוימען דאָרט צעווייען,
„הענגען וואָלקנס בלינד,
„בײַ די ברעגעס שליופּקעס שטייען,
„טרײַבט זיי ניט דער ווינט.
„מענטשן פֿליען, מענטשן בויען
„איבער גאַנץ ראָסיי,
„ס׳אַ ביזאָיען, ס׳אַ ביזאָיען
„פֿאַר דער ווינט־פּאַרטיי!״
אָט אַזוי האָט ער דער פֿערטער
זיי געבראַכט אַ גרוס.
און די ווינטן פֿון די ערטער
טוען זיך אַ ריס.

— — — — —

דאָרט, וווּ מידע וואָלקנס שלאָפֿן
מיט קאַווקאַזער טעג,
זײַנען ווינטן פֿיר געלאָפֿן
יעדערער זײַן וועג:

ווער צוּ מילן, צו וואָקזאַלן
אַף די לאַנגע פיס.

— — — —

איז אַ ווייכע נאַכט געפאַלן
אַף דער שטאָט טיפליס.



אַן אויסערגעוויינטלעכע מאַיסע אין צען לידער וועגן לעבן
פון אונדזערע ברידער.

1. דאָס שטיבל.

דאָרט, ווו ס׳ענדיקט זיך דאָס שטעטל
און ס׳הויבט זיך אָן דאָס פעלד,
האָט אַ ייד אַמאָל, אַ קאַפּצן
אַ שטיבל זיך אַוועקגעשטעלט.
און מיקוויעך אָט דעם שטיבל
קאָן מען שרייבן ניט קיין סאַך,
האָט דער דרויסן זיך צערעגנט,
איז געווען אין שטוב אַ טייך.

האָט געדרייט אַ זאַווערוכע,
איז געווען אין שטוב אַ שניי.
און געוואָינט האָט דאָרט רעב אַלטער
מיט די אייניקלעך די צוויי.

2. אַלע טאָג אַ גילן.

גאַנצע טעג גייט אום רעב אַלטער
איבער אַלע הויפֿן—
אַלטע הויזן, שאַלעמויזן
קויפֿן און פֿאַרקויפֿן.
דאַווענען דאַוונט ער, רעב אַלטער,
נאָר אין צוויי פּאָר טפֿילין,
און פֿאַרדינען קאָן ער נאָר
אַלע טאָג אַ גילן.
עסן גיט ער, ווי די גענדז,
שלעכט איז ער פֿאַר צווייען,
און די יאַטלעך לאָזט ער ניט
אינעם שטעטל גייען.

3. מינאַרט דעם זיידן.

ווען דער זיידע גייט אַוועק,
מאַכט מען צו דעם סידער,
זינגען ביידע אָן אַן עק
פּיאָנערן־לידער.
ווען דער זיידע איז שוין ווײַט,
האַנדלט אין די הויפֿן,
אינעם אַכצנטן אָטריאַד
אייניקלעך אַנטלויפֿן.

ווען דער זיידע קומט אַהיים
מיטן זאַק אַ מידער,
זיצן יאַטלעך אינדערהיים,
קוקן אין אַ סידער.

4. ווען די זון פאַרגייט...

וואָלט אַזוי זיך שטיל געגאַנגען
אַלעס ווי עס גייט,
– גייט אַמאָל אַהיים רעב אַלטער,
ווען די זון פאַרגייט.
זעט ער: שפּאַנט אַ יונגע כעוורע
אַלע אין אַ קאָן,
איינער פּויקט אין אַ לאַמטערן,
איינער שלעפּט אַ פאָן.
אַלע מאַכן מיט די הענטלעך
איינס און איינס און צוויי,
— „אוי, אַ רוען זאָל זיי ניט נעמען
— „אָ, דאָס זיינען זיי!"

5. דער אַלטער כאַפּט דעם קאַנטשיק.

„יימאַך שמאָי זאָלט איר ווערן,
וואָס איז פאַר אַ קאָן?"
פּייסי טראַכקעט אין לאַמטערן,
כאַים שלעפּט אַ פאָן.
גייען ביידע שטאָלץ און מונטער,
שטילער פון אַ שטיין
און אַ בייזער איז דער זיידע
גיך אוועק אַהיים.

װען אין פֿענצטער איז געשװוּמען
אַ האָרבאַטע נאַכט,
האָט דער זיידע מיטן קאַנטשיק
שוין אַף זיי געװאַרט.

6. דער זיידע שמועסט מיט גאָט.

געשטאַנען איז דער זיידע
אַ בייזער מיטן קאַנטשיק,
ביז ער איז געפֿאַלן
אַפֿן אַלטיטשקן דיװאַנטשיק.
געפֿאַלן און געלעגן,
געכאַפּט אַ זיסן דרימל,
פּלוציִם, הערט ער, רופֿט אים
אַ באַסקאָל פֿונם הימל:
„גאָט האָט אײַך געהייסן
„די אייניקלעך ניט שטערן
„גיין אין אַטריאַדן
„און װערן פּיאָנערן!“

7. פֿונדאַנען ביז מיצראַים.

ריפּט זיך פּייסי אָנעט:
„העכער, ברודער כאַים,
„דײַן קאָל איז ניט געראָטן
„אין קאָל מין־האַשאָמאַיִם.
— „ביסט אַ נאַר, אַ באָכער
„פֿונדאַנען ביז מיצראַיִם,
„פֿוניװאַנען װייסט דער אַלטער
„דעם קאָל מין־האַשאָמאַיִם...

צעשרײַט זיך פּייסי העכער:
„פּײַקלעך זאָלט איר קויפֿן
„און לאָזן אײַערע כעוורע
„אין די אָטריאַדן לויפֿן".

8. רעב אַלטער איז צעפֿאָנפֿעט.

דערשראָקן איז רעב אַלטער שטאַרק,
אַ נאַסער און אַ מידער,
אײַנגעדעקט זיך איבער קאַרק
און אײַנגעשלאָפֿן ווידער.

9. פּייסי, אַראָפּ פֿונם הימל!...

אינם ייִדישן פּאַלאַץ
הויבט שוין אָן שאַריען,
און דעם ייִדן דאַכט זיך נאָך,
אַז מאַלאָכים פֿליען.
פֿונם אַלטן ייִדנס דאַך
קריכן זיי אינצווייען,
און אַוועק אין שטוב אַריין
רעב אַלטערן דערפֿרייען.
נאָר באַשלאָסן האָט רעב אַלטער
שטיל אין זײַן געוויסן,
וועגן קאָל מין־האַשאָמאַים
קיינער זאָל ניט וויסן.

10. אָט אַזוי דערצייל איך.

און פֿון דעמלט קויפֿט דער אַלטער
פּײַקלעך, רויטע טיכלעך,
און אַפֿילע רוסישע
פּיאָנערן־ביכלעך.

—

אָז רעב אַלטערן אַזוי
האָט רעב גאָט געהייסן,
אינם אַכצנטן אָטריאַד
אַלע יאַטלעך ווייסן.
קומט מײַן מאַיסע שוין אַ סאָף,
קורץ און שאַרף און פֿריילעך,
אָט־אַזוי ווי ס׳איז געווען,
אָט־אַזוי דערצייל איך.



אַף שטילן ברעג

א

ניט אין פֿעלד און ניט אין סטעפּ,
ניט אין טיפֿן, ווײַטן וואַלד,—
אַפֿן ברעג פֿון שטילן דניעפּ,
צווישן כאַטקעס פֿויל און אלט,
אין אַ כאַטקע—ליים און שטאַנגען,—
צוגעוואַקסן צו דער ערד,
האָט געוואָינט אַ מענטש אַ לאַנגער
מיט זײַן הייסן ווײַסן פֿערד.
טאָג געאַרבעט, נאַכט גערוט,
קיינמאָל הונגעריק און מיד,
פֿריש ווי ווינט און ברוין פֿון זון,—

װאָס קאָן אַזאַ יונג נישט טאָן?
הענט װי שטאָל און אַקסלען—אײַזן.
װאָס קאָן אַזאַ יונג נישט װײַזן?
טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָרן,
אַמאָל גוט און אַמאָל גרױס.
האָט דאָס פֿערד געקײַט קאָרן,
און דער מענטש געגעסן ברױט.

ב

רו און אַרבעט, ברױט און קאָרן,
גרין און שטיל אױף ברעג פֿון דניעפּ.
זײַנען אָנגעפֿלױגן יאָרן,
װי אַ װילדער פֿונעם סטעפּ.
טיר און פענצטער צוגעשלאָסן
און פֿאַרקרעמפּעװעט מיט דראָט.
גאַנצע טעג האָט מען געשאָסן,
ברענען דערפֿער, ברענט אַ שטאָט.
פֿלעגט מען קומען, פֿלעגט מען לױפֿן
אָן אַ סאָף און אָן אַן עק.
שפּאַנט דאָס פֿערד, און איבער הױפֿן,
און—אַװעק, אַװעק, אַװעק.
נישט קײן טעג און נישט קײן נעכט,
שטױב פֿאַרלאָזט און פּלױט צעבראָכן,
פֿליט אַ רײַטער אױף אַ פֿערד.
איבער פֿעלדער, איבער בריקן
יאָג און פֿלי און לױף און האַק:
װאָס פּעטליורע, װען דעניקין?
װער יודעניטש, װו קאָלטשאַק?
פֿליען שטיבלעך, פֿליען טירן,
גאַס נאָך גאַס און פּלױט נאָך פּלױט.

גאָרניט קאָן מען ניט פֿאַרלירן—
נאָר די קייטן און די נויט.
ווינטן פֿרישן, ווינטן גרינען
ערד און לײַב און בוים און פֿעלד;
אז געפֿינען, איז געפֿינען
קאָנען מיר א גאַנצע וועלט.
אַלץ צעטריבן און פֿאַרטריבן,
ניט קיין פּריצים ניט קיין גאָלד.
און געבליבן איז געבליבן
נאָר ווי מיר האָבן געוואָלט.

ג

שפּאַנען טעג, ווי יונגע ריטער,
איבער שליאַך און איבער בריק.
פֿערד און שווערד און הייסער ריטער
קערן זיך אַהיים צוריק.
איבער ווערסטן און וואָקזאַלן,
אונטער בערג און אונטער פֿלויט—
וויפֿל פֿערד זײַנען געפֿאַלן,
וויפֿל רײַטערס ליגן טויט!
וויפֿל טראָפּנס בלוט פֿאַרגאָסן
אָן געוויין און אָן געבעט!
ניט אומזיסט האָט מען געשאָסן
און געצונדן דאָרף און שטאָט.
פֿײַנט צעטריבן און פֿאַרטריבן.
ניט קיין פּריצים, ניט קיין גאָלד.
און געבליבן איז געבליבן
נאָר ווי מיר האָבן געוואָלט.
רו די כאַטקעס, רו דעם ברויט,
רו דעם פֿויגל אפֿן פּלויט!

ד

אינם שטיבל באַ דער ערד
וואָינט דער רײַטער מיט זײַן פערד.
אונטער סטעליע אַף דער וואַנט
הענגט די שווערד—דער בעסטער כאַווער,
שאַרף געשליפֿן, ריין פֿון זשאַווער.
לאָקערט פֿײַנט און קריצט מיט ציין.
שווערד איז שאַרף און גרייט.

אַפֿן שטילן ברעג פֿון דניעפּ
אַקערט פויער שוואַרצע ערד.
לאַנג דערציילן וועט דער סטעפּ
וועגן רײַטער און זײַן פערד.

אינהאַלט

זײַט

דער בלינדער 3

ווינט 14

אונטער די בערג 18

רעב אַלטער און רעב גאָט 24

אַף שטילן ברעג 30

ביכער פֿאַר קינדער

אלעקסאנדראָווא און בענסמאן

א מאַיסע מיט 3 ציגעלעך

16 זייטלעך — פרייז 20 קאָפּ.

אלעקסאנדראָווא און בענסמאן

די שנייערס

24 זייטלעך — פרייז 30 קאָפּ.

נייעך גאָרעליק

יוגנט-לידער

47 זייטלעך — פרייז 40 קאָפּ.

נייעך גאָרעליק

קינדער-לידער

49 זייטלעך — פרייז 23 קאָפּ.

דאָס פֿליגעלע

12 זייטלעך — פרייז 25 קאָפּ.

טשוקאָווסקי

זייאַצוכט

24 זייטלעך, גרויסן פֿאָרמאט — פרייז 40 קאָפּ.

בּיכער פֿאַר קינדער

עליע סאַוויקאָווסקי

פֿאַר יונגע זינגער

לידער-זאַמלונג מיט נאָטן

34 זײַטלעך, גרויסן פֿאָרמאַט — פּרייז 60 קאָפּ.

י. ראַווין

מײַסעלעך אין פֿערזן

40 זײַטלעך — פּרייז 40 קאָפּ.

וו. ביאַנקי

מײַזעלע פּיק

52 זײַטלעך — פּרייז 20 קאָפּ.

וו. ביאַנקי

מורזוק

72 זײַטלעך — פּרייז 55 קאָפּ.

ע. געזין

אָסוואַלד

א קינדער-פּיעסע אין 5 בילדער

31 זײַטלעך — פּרייז 25 קאָפּ.

צווישן לעבן און טויט

65 זײַטלעך — פּרייז 45 קאָפּ.

קינדער-וועלטל

93 זײַטלעך — פּרייז 45 קאָפּ.

І. ФЭФЭР

ДЗКІ Ў ВЕРШАХ

פרייז 35 קאפ.